בס"ד

# השגחה פרטית

וואונדערליכע 'השגחה פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף דער השגחה פרטית האטליין

מכון שער הבטחון
פותחים שער לחיים שלווים

פרשיות **וירא - חיי שרה** תשפ"ג ◆ עלון מס': **101**

## דברים שבלב

אויסצוגן פון די שיעורים אין 'שער הבטחון' פון ספר חובת הלבבות

### לך ה' אזמרה

איינס פון די גרעסטע הבדלים צווישן דער וואס איז עוסק און לערנט די מידה פון בטחון און שטארקט זיך אין דעם, און דער וועלכער האט נאכנישט זוכה געווען דערצו, איז אין דער וועג ווי אזוי ער וועט זיך פארמעסטן מיט א שוועריגקייט, ווען עס קומט אים אונטער.

די היינטיגע וועלט איז א שווערע וועלט, עס איז א פלאגענדע וועלט. עס איז פול מיט צער און ווייטאג, אבער עס איז דא א חילוק ווי אזוי מען נעמט אן זאכן.

א לעבעדיגער ביישפיל ווי אזוי א בעל בטחון נעמט אן א שווערקייט טרעפן מיר ביי דוד המלך. אין אנהייב פון פרק ה' אין שער הבטחון ברענגט דער רבי אראפ די ווערטער פון דוד המלך אין תהלים 'חסד ומשפט אשירה' און דער דרש פון די גמרא דערויף אין מסכת ברכות [דף ס ע"ב] אז סיי אויב עס איז געווען חסד, און סיי אויב עס איז משפט, איז אבער אלעמאל געווען דער 'אשירה' - אלעמאל האט מען געזינגען פאר השי"ת.

סיי ווען עס איז געגאנגען גוט פאר דוד המלך האט ער געזינגען. ווען עס איז אים געגאנגען גוט האט ער געזינגען דער ניגון פון 'הטוב והמיטיב' און ווען ער האט געהאט שוועריגקייטן האט ער געזינגען א ליד אויף די ווערטער פון 'ברוך דיין האמת'.

ווי אזוי האט ער געקענט זינגען? אז ער האט מצדיק געווען אויף זיך דעם דין קען מען נאך הערן, אבער זינגען? ווי אזוי קען מען זינגען? אבער ווען מען רעדט פון דוד המלך איז דאס נישט קיין קשיא. דער צדיק דוד המלך איז געווען איין שטיק 'תמים תהיה'. ער האט זיך פארלאזט אויפ'ן בורא עולם מיט א זעלטענע תמימות, ווי דער פסוק זאגט אונז ווייטער 'אשכילה בדרך תמים וגו' אתהלך בתם לבבי בקרב ביתי'. זיין תמימות און גאנצקייט מיט השי"ת איז געווען אזוי שטארק אז אלעמאל האט ער נאר געטראכט ווי אזוי השי"ת טוט מיט אים גוטס, אויך ווען אויסערליך האט עס געזען ווי עס גייט אין א פארקערטער ריכטונג. די בטחון ביי אים איז געווען אזוי איינגעווארצעלט אז אלעמאל האט ער מקיים געווען דער 'לך השם אזמרה'.

געווען ווי א חולה פריידט זיך ווען מען אפערירט אים, ווען מען נעמט ארויס די אייטער פון זיין קערפער, האט זיך דוד המלך אייביג געפריידט און האט געבענטשט השי"ת און אים געלויבט, אויך ווען זאכן האבן אויסגעזען צו זיין ביטער און שווער.

דער הייליגער חיד"א ברענגט אראפ אויפ'ן ארט די גרויסקייט און די אויסטערלישע שכר וואס עס איז אנגעגרייט פאר איינער וואס איז מקבל די הנהגה פון השי"ת און איז א מברך על הרעה, אזוי ווי על הטובה. ער ברענגט אראפ דער פסוק אין ישעיהו [נג] **וה' חָפֵץ דַּכְּאוֹ הֶחֱלִי** - אז ווען השי"ת דערנידערט א איד פאר זיינעטוועגן און דער איד נעמט עס אן, ער איז מצדיק אויף זיך דעם דין, ער זאגט גם זו לטובה, איז ער זוכה צו וואס עס שטייט ווייטער אין פסוק - **יִרְאֶה זֶרַע, יַאֲרִיךְ יָמִים, וחפץ ה' בידו יצלח** אז ער וועט זוכה זיין צו קינדער, צו אריכות ימים און צו הצלחה בכל מעשה ידיו.

דער 'אזמרה' פון דוד המלך איז געווען אין יעדן מצב. דער לעבן פון דוד המלך איז געווען איין לאנגער קייט פון פארמעסט און שוועריגקייט. צומאל האט ער געקענט זיצן ביי זיך אין שטוב און געהערט ווי מען בארעדט אים, ווי אידן לעכצענען שוין ער זאל שטארבן און אז שלמה המלך זאל קענען בויען די בית המקדש, ער האט אויך געליטן פון זיין זון אבשלום אבער אייביג האט ער געזינגען, ווי עס שטייט ביי אים 'מזמור לדוד בברחו מפני אבשלום'.

אין די שווערסטע מינוטן זינגט דוד המלך. ליידענדיג די גרעסטע יסורים איז ער מקיים דער 'אם חסד אשירה ואם משפט אשירה' און דאס איז דער וועג פון א איד וואס איז זוכה צו זיין אן אמת'ער בעל בטחון.

דאס איז דער סימן אז ער איז עומד בנסיון, און דער טרעפל וואס הייבט אים אויף מעלה מעלה.

זאל השי"ת געבן אז מען זאל זוכה זיין דערצו און אייביג קענען לויבן מיט שירה וזמרה מתוך רחמים וחסדים גלויים אמן סלה.

**די שיעורים ווערט ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך - מען קען עס הערן ביי נומער 4** [נאכן אויסוועלן די שפראך וואס איר ווילט הערן]

## די וועכענטליכע השגחה

### מיט דעם אלעם - איז ער אייביג פרייליך!

ווען איך הער נאר די קול אויפ'ן ליניע ווער איך אנגעפולט מיט התרגשות. איך ווייס ביי מיר אז יעצט קומט צוגיין עפעס א חידוש. אז יעצט גיי איך הערן עפעס וואס איך האב נאך קיינמאל פריער נישט געהערט אדער געטראכט, און אז דער חידוש וואס ער גייט לאזן הערן וועט נישט זיין אבי געזאגט. עס וועט זיין מלא וגדוש מיט טעם און חן, עס וועט זיין א פעסטער געדאנק, געבויט אויף פעסטע יסודות. ער ציטירט דערביי די ווערטער פון די ראשונים און די אחרונים. ער ברענגט אויך אראפ שטיקער פון תנ"ך. אויך דער וועג ווי אזוי ער לייגט עס אראפ, ווייזט אן קיין צווייפל אז מען רעדט דא פון א תלמיד חכם מופלג, א איד וואס איז בקי בש"ס ובפוסקים.

אין זיין שטימע דערקענט זיך אויך א פרישקייט. ער רעדט מיט א חיות. ווען איך פלעג זיך אויס'משל'ן אין קאפ זיינע ווערטער, פלעג איך זען פאר מיר שטיין א גליקליכער איד, א טאטע פון לעכטיגע קינדער, א בעל פרנסה, א איד וואס עס גייט אים גוט אין לעבן און ער אנערקענט די גוטס וואס השי"ת מאכט מיט אים און ער דאנקט דערפאר.

פאר א לאנגער צייט האב איך אים געוואלט טרעפן אבער ער איז געבליבן ביי מיר א רעטעניש, אבער דער טאג פאר דעם איז אויך געקומען צוגיין און מיר האבן זיך באגעגנט. נאכ'ן אויסטוישן אפאר ווערטער און זיך באדאנקען פאר זיינע זאפטיגע שמועסן זענען מיר אנגעקומען צו רעדן וועגן זיין מצב אין שטוב. און דא! איז געקומען מיין רייע צו בלייבן שאקירט און געפלעפט, מיט די מויל אפן. ער האט מיר דערציילט אז ביי אים אין שטוב איז ליידער דא א קינד וואס איז נעבעך נישט געזונט, אז ער איז ליידער נישט אינגאנצן ביי זיך, אין א גייסטישער זין.

דער קינד איז שוין היינט נישט א יונגער קינד. ער איז שוין היבש אלט אבער ער קען נישט רעדן און פון צייט צו צייט, ליידט ער פון שווערע אויסברוכן, אז די שטוב פארט אויף רעדער.

"מען קען אים נישט איבערלאזן אליין אין שטוב, אפילו נישט אויף א מינוט. קיינמאל אבער קיינמאל, קען מען נישט וויסן וואס ער גייט אפטון אין א מינוט ארום".

איך בין געווען שאקירט! איך האב נישט געקענט פארשטיין ווי אזוי איז עס מעגליך? ווי אזוי קען א איד מיט אזא ביטערן פעקל אין שטוב, וואס רויבט צו די מנוחה פיר און צוואנציג שעה א טאג, זיין אזוי גוטמוטיג, אזוי אויפגעלייגט, אזוי בשמחה, אז אפילו אויף זיין קול הערט מען א שטראל פון שמחה.

"איך בין געווען זיכער אז מען רעדט דא פון דער גליקליכסטער מענטש אויף דער וועלט", האב איך אים געזאגט.

"ביסט געווען גערעכט. איך בין טאקע"! האט ער מיר געזאגט.

אבער ער האט געהאט עפעס צו צולייגן.

"נישט אייביג בין איך געווען אזוי".

די געשיכטע האט אנגעהויבן ווערן אינטערעסאנט, מיר האבן צוגענייגט אן אויער.

"פאר לאנגע יארן האב איך באוויינט מיין ביטערן גורל. איך האב געוואוסט אז א איד טאר זיך נישט באקלאגן. אז א איד דארף אייביג זיין פרייליך און וויסן אז וואס השי"ת טוט מיט אים איז לטובה. איך האב אפילו געלערנט ספרים וואס רעדן וועגן בטחון און אמונה, אבער דער הארץ האט מיר נישט געלאזט זיין פרייליך, אבער דאן האט עס פאסירט. א גוטער ידיד האט מיר דערציילט איבער די לעכטיגע טעלעפאן ליניע, די השגחה פרטית האטליניע און איך האב עס אנגעהויבן אויסצוהערן און זינט דעמאלטס האבן זיך זאכן געטוישט אז איך פארפעל נישט א טאג עס אויסצוהערן. טאג נאך טאג האב איך געהערט ווי איין איד זאגט 'כל מה דעביד רחמנא לטב עביד' און ווי א צווייטער איד זאגט עס און ווי א דריטער איד זאגט עס און עס האט אנגעהויבן אריינגיין ביי מיר אין הארץ. איך האב באקומען א נייער אור. מיין הארץ האט זיך געעפענט. איך האב געוואוסט אז דאס וויל השי"ת פון מיר און דאס איז די בעסטע זאך וואס האט געקענט פאסירן מיט מיר".

זיין מעסעדזש איז געווען שטערקער ווי שטארק! עס איז מיר אריין אין די ביינער. מען קען וויסן וועגן אמונה, מען קען לייענען וועגן אמונה, אבער אין הארץ גייט עס אריין נאר ווען מען הערט עס טאג טעגליך, טאג נאך טאג, בקביעות.

נאר אזוי קומען מען צו שמחה ושלוה, צו לעבן א לעבן פון אמונה און בטחון און זיין צופרידן.

א גוט שבת, **פינחס שפר**

**השגחה פרטית האטליין**
אידיש. העברעאיש. ענגליש.

שליסט זיך אויך אן אין די צענדליגע טויזנטער אידן איבער דער גארער וועלט וועלכע האבן געמאכט א טויש אין זייער לעבן - קלינגט:

פון ארץ ישראל 02-30-11-300 • פון אמעריקע 151-86-130-140 • פון ענגלאנד 0-330-3900-489 • פון בעלגיע 0-380-844-28

פון דרום אפריקע 87-551-8521 • פון ארגענטינע 3988-4031 • פון אוקריינע 380-947-100-633

• פאר דער פרויען אפטיילונג פון די השגחה פרטית האטליין דרוקט 4 ביי די מעין מעניו

# ניסיך שבכל יום

## וואונדערליכע השגחה פרטית געשיכטעס דערציילט אויף די השגחה פרטית האטליין

## די תפילה פון א מאמע

אין די שול וואו כ'דאווען ראש השנה דאווענען מיט מיר מיט עטליכע הונדערט אידן.

אין אזא שול וועט מען געווענליך אויסזוכן אז די בעלי תפילות אין די הייליגע טעג זאלן זיין ספעציעלע גוטע בעלי תפילות און וועגן דעם איז מיין וואונדער געווען גרויס זעענדיג אז צום עמוד איז צוגעגאגען א יונגער יונגערמאן.

לויט מיין חשבון איז ער געווען א דרייסיגער. איך האב זיך זייער געוואונדערט. אויף ווי ווייט כ'ווייס איז מען מקפיד אז די בעלי תפילות זאלן זיין עלטער.

אבער נאכ'ן אויסהערן זיין דאווענען האב איך געמוזט מודה זיין אז דער אויסוואל איז געווען א גוטער. אויסער זיין שיינער און לעכטיגער שטימע, האט ער אויך געדאווענט מיט א מורא'דיגער ווארעמקייט, ברענגענדיג ביי אסאך פון אונז א שטארקער הרהור תשובה.

ווען איך בין אהיימגעקומען האב איך געהערט די צווייטע טייל פון די געשיכטע. די מאמע פון דעם בעל תפילה האט דערציילט אז פון קליינווייז אן האבן אלע דערקענט אין דעם קינד אז ער האט א זעלטענער זיסער שטימע. די רבי'ס אין חדר האבן אים אויסגעוועלט אלץ א סאולא קינד, ווען עס איז געווען עפעס אין חדר, האט מען אים געשטעלט אין די פראנט פון די זינגער.

"איך האב זייער מורא געהאט פאר מיין קינד", זאגט די מאמע.

"איך האב נישט געוואלט אז מיין קינד זאל אויסוואקסן א זינגער. עס איז געגאנגען אויף אזוי ווייט, אז איך האב געבעטן פון זיינע רבי'ס אז מען זאל אים מער נישט געבן צו זינגען".

אבער, האט די מאמע צוגעלייגט, אין די זעלבע צייט האט זי אויך מתפלל געווען צו השי"ת אז מען זאל פון הימל פירן ער זאל קענען נוצן זיין מתנה אויף גוטע זאכן, מעורר צו זיין אידן ביים דאווענען, און ברוך השם, אז עס איז מקויים געווארן.

די ריינע תפילה פון א אידישע מאמע איז געווארן אנגענומען.

## פירות - אויף די וועלט

עס רעדט דא א יונגערמאן פון בני ברק:

ערשטנס כל, איידער איך גיי דא שילדערן מיין מעשה, וויל איך אויסדרוקן מיין פערזענליכער דאנק פאר די כינוס וואס איר האט אראנדזשירט אין די שטאט בני ברק דעם לעצטן חול המועד.

די שמחה איז געווען אויסטערליש גרויס. מיר האבן דארט געהערט ווארעמע חיזוק ווערטער. איך בין ארויס פון דארט זייער דערהויבן.

און יעצט צו מיין מעשה:

איך האב א שכן וואס איז שוין היינט א זיבעציגער און ער האט מיר לעצטענס דערציילט א וואונדערליכער זאך. ער זאגט מיר אז ער האט זוכה געווען חתונה צו מאכן אלע זיינע קינדער בכבוד.

"און נישט ווייל איך האב געארבעט אלע יארן", באטאנט ער.

"איך בין געזעסן אין כולל און געלערנט אבער ווי אסאך אנדערע אידן האב איך גע'דאגה'ט וואס וועט זיין ווען איך וועל האלטן ביים חתונה מאכן די קינדער. איך האב אנגעהויבן אפצושפארן געלטער. מיט די צייט ווען עס האט זיך אנגעזאמעלט א גרויסער סומע בין איך אריבער צו די לאקאלע באנק און עס אריינגעלייגט ביי זיי אויף אן אינוועסטירונג.

די יארן זענען געלאפן.

## דער אמאליגער 'עושר'

מיט א שטיק צייט צוריק האב איך זיך באגעגנט מיט א איד וואס וואוינט אין צענטער פון ארץ ישראל. דער איד ארבעט זייער שווער פאר זיין פרנסה, אבער ווען דו קוקסט אים אן אויסערליך, מאכט ער א רואיגער און אן אנגענעמער איינדרוק.

"איך טוה מיינס". זאגט מיר דער איד ווען מיר האבן געכאפט א שטיקל שמועס איבער זיין פריוואטער לעבן.

"אויב דאס איז דער רצון השם בין איך עס מקבל באהבה".

פון זיינע ווערטער און פון דער וועג ווי אזוי ער האט עס געזאגט האט זיך דערקענט אז דערונטער פון דעם מענטש באהאלט זיך א געשיכטע, אז נישט אייביג איז דער מצב אזוי געווען, אז עפעס אין לעבן האט אים צוגעברענגט צו די פאלגענדע אנערקענונג.

"און אמאל"? האב איך אים געפרעגט שפירנדיג אז דער איד האט ביי זיך א מעשה.

נאך וואס מיינע חששות זענען געווארן באשטעטיגט, האט דער איד אנגעהויבן צו שילדערן זיין פערזענליכער לעבנסגעשיכטע.

"ביז דריי יאר צוריק בין איך געווען א גרויסער עושר", האט ער אנגעהויבן שפינען זיין געשיכטע.

"און ווען איך זאג אז איך בין געווען אן עושר מיינט עס נישט אז איך האב געהאט אפאר איבריגע פונט אין טאש, נאר מען רעדט פון אן אמת'ער עושר. איך האב געהאט אין מיין באזיס עטליכע הייזער, פראפערטיס, געשעפטן. אויך דער אויסערליכער איינדרוק איז געווען די זעלבע. מיינע נאנטע האבן מיר געקענט אלץ שטאט'ס נגיד, מען פלעגט זיך דורכרעדן מיט מיר וועגן אינוועסטירונגען און אסאך האבן מיר געטרויעט אויף אזוי ווייט, אז זיי פלעגן אריינלייגן ביי מיר געלט, אז איך זאל טון מיט דעם, ווי איך פארשטיי".

אויך ביי די גבאי צדקה בין איך געווען א בארימטער פיגור. די גבאי צדקה פלעגן מיר באזוכן פון צייט צו צייט און איך האב זיך צוגעשטעלט אויף ווי ווייט עס איז געווען מעגליך זיי צו שטיצן און ביישטייערן זייערע צוועקן מיט שיינע סומעס.

אין א טאג, זייענדיג פארנומען מיט מיינע אינוועסטירונגען, האב איך זיך באגעגנט מיט א זעלטענע גוטע הצעה. דער פארשלאג האט אויסגעזען צו זיין פערפעקט פון אלע זייטן. נאכ'ן עס איבערקוקן איינמאל און נאכאמאל האב איך באשלאסן אז עס איז א גוט געשעפט און איך האב זיך געגרייט אריינצולייגן דארט דאס געלט.

אז איך זאל קענען אויספירן די געשעפט האט זיך אויסגעפעלט ביי מיר איך זאל פארשאפן די סומע פון א האלב מיליאן שקל. איך האב געבעטן פון די פירמע אז זיי זאלן מיר געבן אפאר טעג און כ'וועל זיי ברענגען די סומע. ביז געציילטע טעג איז די געלט געווען דא. עס איז געווען צוויי טשעקס, אינאיינעם האבן זיי באטראפן די סומע פון א האלב מיליאן שקל. דער אפיציעלער פלאן איז געווען אז כ'וועל צאלן די געלט אין צוויי פעימענטס, אבער האבנדיג די געלט ביי מיר אין די הענט, האב איך געגעבן די צוויי טשעקס פאר מיין שותף און אים געזאגט אז ער קען גלייך דעפאזיטירןביידע טשעקס.

עס איז אריבער אפאר טעג און כ'זעה טאקע ווי עס איז ארויס פון מיין באנק די סומע פון א האלב מיליאן שקל. נו, איך בין דאך געווען גרייט דערויף, איך האב זיך נישט דערשראקן דערפאר. איך האב זיך געפריידט אז איך האב שוין באצאלט די געלט פאר דעם געשעפט און יעצט בלייבט נאר איבער ביי מיר צו שניידן די רווחים.

פון די יעניגע מעשה איז אריבער צוויי חדשים און מיטאמאל זעה איך ווייטער ווי נאך א האלב מיליאן שקל איז ארויס פון מיין באנק קאונטע. וואס איז דאס? האב איך זיך געוואונדערט? עס איז נישט געווען אין די באנק אזויפיל געלט און די טשעק איז צוריקגעקומען און כ'האב דערהאלטן א טעלעפאן קאלל פון די באנק אז די טשעק איז צוריקגעקומען און איך דארף באצאלן דערפאר א גרויסער קנס געלט.

די גאנצע מעשה האט נישט געשמעקט גוט. איך האב זיך גלייך פארבינדן מיט די קאמפאני און געוואלט הערן וואס דא גייט פאר.

"פארוואס האט איר ארויסגענומען די געלט צוויי מאל"?

אבער אנשטאט אז די פירמע זאל מיר געבן אן ערקלערונג האבן זיי מיר באוואשן מיט קאלטס און ווארעמס.

"אונז האבן מיר דיר געטון א טובה, מיר האבן נישט דעפאזיטירט די טשעקס גלייך אין באנק, און דו האסט נאך טענות צו מיר? און ערגער פון אלעס, דיין טשעק איז צוריקגעקומען".

יעצט בין איך שוין געווען אינגאנצן צעמישט. איך האב נישט פארשטאנען פון וואס ער רעדט אבער ביסלעכווייז האט זיך דער בילד אנגעהויבן צוזאמענשטעלן און דער בילד איז געווען א שווארצער...

מיין שותף האט מיר בא'גנב'עט!

די טשעק פון א האלב מיליאן דאלער וואס איך האב אים געגעבן פאר די געשעפט האט ער נישט אריינגעלייגט אין די ביזנעס. אנשטאט עס אריינצולייגן אין די געשעפט האט ער עס אריינגעלייגט ביי זיך אין טאש און מיר איבערגעלאזט אויסגעזעקלט פון געלט.

איך בין געבליבן אן די געלט און מיט אסאך חובות. אין געציילטע טעג האבן אלע מיינע טשעקס אנגעהויבן צוריקצוקומען, די באנק האט פארקריפעלט מיין קאונטע, איך בין געווארן ביי זיי פארצייכנט ווי איינער וואס האט נישט קיין געלט צוריקצוצאלן! איך האב מער נישט געקענט באקומען קיין מארגעדזשעס, קיין הלוואות, איבערנאכט בין איך געווארן א בעל חוב און איך האב פארלוירן מיין צוטרוי ביי אלעמען.

איך בין געווען שולדיג אסאך געלט פאר מענטשן! נישט וויסנדיג וואס צו טון האב איך

באשלאסן אז איך גיי זיך נישט באהאלטן. איך האב פאררופן אן אסיפה פון אלע וועמען איך בין געווען שולדיג און איך האב זיי הייס צוגעזאגט אז אלעס וועט ווערן באצאלט.
און איך האב ברוך השם געהאלטןווארט! איך האב אנגעהויבן צו פארקויפן אלע מיינע נכסים. איך האב פארקויפט מיינע הייזער, מיינע קארס, מיין גאנצער פארמעגן און אפגעצאלט פאר אלעמען זייערע חובות.
איך ווייס און גלייב אז דער באשעפער איז משפיל גאים עד הארץ ומגביה שפלים. ער האט זיך זיינע חשבונות און מיר פארשטייען נישט וואס עס איז, אבער אזוי האט זיך עס געפירט פון אויבן. מיין שותף האט נישט געקענט עומד זיין אין דער נסיון אבער עס איז אזוי געווען מלמעלה.
נאך די גאנצע עשירות האב איך אנגענומען א פאסטן אלץ מלמד. היינט פארדין איך חודש'ליך זיבן טויזנט שקל. איך לעב מיט השי"ת און איך זעה השגחה פרטית אויף יעדן טריט. עס איז נישט אז כ'ווייס אז השי"ת פירט די וועלט, איך און מיין משפחה שפירן עס אויף טריט און אויף שריט!
אבער וויפיל איך האב אדורכגעשטופט די טאג טעגליכע לעבן איז אבער נאך געבליבן איין זאך וואו איך בין געווען אביסל פארלוירן און דאס איז געווען ווען עס איז געקומען צום חתונה מאכן מיינע קינדער. אין יענע יארן דארף מען זייער אסאך געלט. איך בין געווען זייער פארלוירן און צובראכן. איך האב נישט געוואוסט ווי אזוי איך געב זיך אן עצה מיט דעם.
רעדנדיג מיט מיין רבי דערוועגן האט ער מיר געטרייסט זאגנדיג אז ווען עס קומט חתונה צו מאכן די קינדער איז עס אן עקסטערע חשבון. אין הימל עפענט מען פאר יעדן איד א באזונדערע קאונטע, אז איך דארף נישט זארגן. ער האט מיר געמוטיגט אז איך קען זיך אונטערנעמען וואס מען דארף פאר די חתונה, איך דארף נישט זארגן, בתנאי אז איך זאל זיך נישט ארײנלאזן אין גרעסערע הוצאות, ווי דאס וואס איז אנגענומען.
מיין רבי האט אנגעמערקט, אז איך דארף זיין איינגעצוימט ביי די חתונה, אויב איך האב נישט ביי מיר קיין געלט, אבער אויב איך האב, קען עס אויסנוצן בשפע רב. עס איז אריבער א שטיק צייט און איך האב אנגעהויבן איינזען ווי גערעכט מיין רבי איז געווען. איך האב חתונה געמאכט צוויי טעכטער פאר מיין 'קראך' און צוויי קינדער נאכדעם און ברוך השם אז פאר יעדן האב איך געקענט געבן די זעלבע סומע.
ווי אזוי האב איך עס באוויזן? לאמיר דיר דערציילן ווי אזוי עס איז געווען ביי די לעצטע חתונה.
עס איז געווען מוצאי שבת פון דער שבת באווארפן. די חתונה איז געווען זונטאג און מיינע טאשן זענען געווען ליידיג. איך האב געגעסן מיט מיין פרוי די סעודה פון מלוה דמלכה און מיר האבן געמאכט א חשבון וויפיל געלט עס פעלט זיך אויס פאר די מארגענדיגע חתונה.
זי האט זייער גוט געוואוסט ווי שווער מיין פינאנאציאלער מצב איז נאכ'ן קראך. אינאײנעם זענען מיר אריבער די קראך. מיר האבן זיך מחזק געווען אינאײנעם. מיין מחותן האט שוין געברענגט זיין חלק און יעצט איז נאר געבליבן מיין חלק און לויט די רעכענונג פון מיין בני בית האט די סומע באטראפן סך הכל זיבן און צוואנציג טויזנט שקל פאר די ליל החתונה.
"און וויפיל האסטו שוין?" האט מיין ווייב געוואלט וויסן.
"דער אמת"? האב איך איר געפרעגט.
זי האט געשאקלט מיט'ן קאפ אז זי וויל וויסן.
"גארנישט".
מיר האבן געמאכט א חשבון אז די נאכט פון די חתונה דארף אריינגיין די געהאלט פון איר ארבעט און איך האב איר געבעטן צי אפשר קען זי ארויסנעמען פון באנק די סומע פון זיבן טויזנט שקל.
"אבער זיבן טויזנט שקל איז גארנישט. אפילו אויב מיר וועלן מצליח זיין ארויסצושלעפן די סומע בלייבט נאך אלץ איבער א לאך פון 20 טויזנט שקל".
איך האב איר געזאגט אז אויב השי"ת וויל אז מיר זאלן האבן בזיונות מארגן נעם איך עס אן באהבה!
אזוי רעדנדיג האט זי זיך דערמאנט פון עפעס. זי האט גערעדט אז איר שוועסטער האט אריינגעגעבן א בקשה ביי א געוויסער קרן פאר אונז.
"ווער ווייסט? אפשר האבן זיי אריינגעלייגט די געלט ביי אונז", האט זי געזאגט.
מיר האבן באשלאסן אז מיר גייען אריינקלינגען אין באנק און הערן אויפ'ן טעלעפאן וויפיל געלט עס איז דא, אבער ערשט האבן מיר געוואלט בענטשן. מען האט געבענטשט. דער בענטשן איז געווען מיט די גאנצע כוונה, מיר האבן באמת געשפירט אז מיר זענען אין די הענט פון השי"ת, אז קיין איינער אנדערש קען אונז נישט העלפן, נאר דער בורא כל העולמים אליין.
נאכ'ן בענטשן האבן מיר אריינגעקלינגען אין באנק. דער באנק האט געזאגט אז מיר האבן אין באנק די סומע פון 22 טויזנט שקל. עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער קרן האט דעפאטיזירט ביי אונז אין באנק די סומע פון 22 טויזנט שקל.
ווי אזוי קען עס זיין? זיי געבן קיינמאל נישט אזויפיל? אבער אזוי איז עס געווען. דער רבוש"ע האט געהאלפן. מיר האבן געדאנקט השי"ת און זיך געפריידט אז כאטש האבן מיר א גרויס חלק פון די געלט.
מיר האבן שוין 22 אבער עס האט נאך געפעלט 5000 שקל. אבער אויך דא האט אונז השי"ת נישט פארלאזט. האלטנדיג אינמיטן טאנצן קומט מיין שוואגער צו און וויל מיר געבן מזל טוב, איך האב געוואלט טאנצן מיט אים, אבער ער שטעלט מיר אפ, ער רוקט מיר אריין אן ענוועלאפ מיט די סומע פון 5500 שקל. ווי ער זאגט מיר איז עס מעשר געלט פון אפאר יאר. יעצט האב איך שוין געהאט ביי מיר די גאנצע געלט און נאך 500 איבריגע שקלים. נאר שפעטער האב איך פארשטאנען אז דער 500 שקל איז נישט געווען אומזיסט. עס איז איינגעפירט אז מען געבט א טיפ פאר די סארווערס און מיט די 500 שקל האב איך זיי געקענט געבן די געלט.
"איך קען דיר נישט מסביר זיין וואספארא גוטע הרגשה דאס איז צו שפירן אז השי"ת האט דיר אינזינען מיט אלעם, אז ער זארגט פאר דיר און אפילו דער טיפ נעמט ער אין חשבון".
"נו, דארף איך זיך זארגן"? פירט ער מיר אויס.

מיין טאטע האט געהאלטן פאר'ן חתונה מאכן מיין ברודער און די אנגעצויגענקייט אין שטוב איז געווען זייער גרויס. מיין טאטע האט עס גענומען זייער שווער. זעענדיג ווי געדררוקט ער איז האב איך געמאכט ביי מיר א חשבון אז ווי קען זיין אזא זאך אז איך האב געלט און מיין טאטע האט נישט. איך בין אריין אין באנק און ארויסגענומען די געלט און עס אים געגעבן.
ווען מיין טאטע האט באקומען מיין געלט האט ער ממש אויפגעלאכטן. ער האט מיר דערציילט ווי שטארק איך האב אים געהאלפן און אים געראטעוועט פון זיין פלאנטער.
געציילטע טעג נאך דעם וואס איך האב ארויסגעצויגן די געלט פון באנק קלינגט מיר אריין דער באנק באאמטער. ער האט נאר געוואלט וויסן פון וואו האב איך געוואוסט ווען ארויסצונעמען די געלט.
"געוואוסט וואס"? האב איך נישט געוואוסט וואס ער וויל פון מיר.
דערביי האט ער מיר דערציילט אז די אינוועסטירונגען פון וואו איך האב ארויסגענומען די געלט האט אנגעזעצט און איך האב געראטעוועט מיין געלט באצייטענס.
איך האב געדאנקט השי"ת אז איך האב געהאט די זכיה צו העלפן מיינע עלטערן און אז מיין געלט איז געגאנגען אין גוטע פלעצער, ווייל ווען איך לאז עס דארט וואלט עס געגאנגען לטמיון.
אבער די מעשה האט א המשך. די יארן זענען געלאפן. מיין טאטע האט חתונה געמאכט אלע זיינע קינדער. ער האט גוט געדענקט די מעשה און ער האט מיר געוואלט אפצאלן. איך האב עס אים געגעבן פאר א מתנה, אבער ער האט עס געוואלט צוריקצאלן.
מיין טאטע האט מיר געקויפט א קרקע. דער שטח איז דעמאלטס געווען ווייניג ווערד אבער מיט די יארן האט מען געקענט בויען אויף איר און די ווערד דערפון איז געשטיגן זייער שטארק. עס האט געהאט אסאך קונים. די ארטיגע שטאטראט האט געקויפט א חלק, אויף אן אנדערע חלק האב איך געבויט א בנין און איך האב דערביי פארדינט גרויסע געלטער. איך האב געקענט דערפון חתונה מאכן מיינע קינדער בכבוד רב.
ווען איך בלייב מיט די ערשטע אינוועסטמענט וואלט איך פארדינט קליינגעלט, אבער דא, נאכ'ן מקיים זיין די מצוה, האב איך פארדינט גרויס געלט.

## מיט ליידיגע הענט

פאר יארן לאנג האב איך אפגעשפארט געלט אין די זייט. איך האב עס געטון צו קענען חתונה מאכן מיינע קינדער בכבוד. איך האב זיך נישט געגעבן. איך האב געוואוסט אז נישט אלע מיינע קינדער וועל איך קענען חתונה מאכן פון די געלט, אבער איך האב געהאפט אז כאטשיג א חלק פון זיי וועל איך מצליח זיין.
א שטיק צייט פאר איך האב אנגעהויבן חתונה מאכן מיינע קינדער האט פאסירט א טראגעדיע ביי אונז אין די משפחה. איינער פון די נאנטע אין מיין משפחה האט פארלוירן זיינע עלטערן. די משפחה האט געהאט א כלה ביי זיך אין שטוב. די חתונה האט זיך דערנענטערט און די שטוב איז געווען ליידיג און זעענדיג אז זי וועט נישט האבן מיט וואס צו צוגיין צו די חתונה, האב איך באשלאסן אז איך גיי איר געבן די אפגעשפארטע געלטער.
עס איז געווען א גרויסער נסיון אבער היינט צוטאגס - נאכ'ן ענדיגן חתונה מאכן די קינדער - קען איך זאגן אז איך האב אנגעהויבן חתונה מאכן מיינע קינדער מיט ליידיגע טאשן אבער איך האב עס געענדיגט אן קיין חובות אין טאש. אלע האבן חתונה געהאט בדרך כבוד, כמנהג בעלי בתים חשובים.
ווען איך טראכט צוריק פארשטיי איך נישט ווי אזוי עס האט פאסירט. איך האב נישט קיין אנדערע ערקלערונג אויסער אז אין דעם זכות פון די יעניגע טאט האב איך זוכה געווען צו אזא הרחבה ביים חתונה מאכן די קינדער.
זאל השי"ת געבן אז אלע אידן זאלן זוכה זיין צו די הרחבה.

# צוהערער פרעגן

## שאלות און תשובות אין די טעמעס פון אמונה און ביטחון

אין די לעצטע צייט האב איך זיך אסאך מתחזק געווען אין אמונה ובטחון. איך האב ביי מיר געמאכט א החלטה אז כ'גיי זיך נאר שפייזן פון הקב"ה, ווי מען זאגט ביים בענטשן 'לא לידי מתנת בשר ודם ולא לידי הלוואתם'. לעצטענס, ווען איך בין געווען זייער געענגט אין געלט האט מיר א חבר פון זיך אליין געאפפערט א הלוואה מיט גוטע באדינגונגען. ווען איך האב באקומען די הצעה האב איך געהאט די שאלה צי דאס הייסט צוקומען צו מענטשן, אדער צי אפשר איז ער דער שליח פון השי"ת מיר צו ברענגען פאר מיר מיין פרנסה?

שאלה נומער 52 — י.ד. פון אשדוד

**אויפמערקזאמקייט: די אלע דערמאנטע תשובות וואס ווערן דא אראפגעברענגט זענען נישט קיין תשובות אויף הלכה למעשה. עס איז נאר א שמועס צווישן חברים דורך די חשובע לייענער. אויף די הלכה למעשה פון יעדער איינער זאל זיך יעדער מקיים דער 'עשה לך רב' און אנפרעגן ביי זיין פוסק אין די ענינים.**

### לא לידי הלוואתם

**הרב נחמן גאלדבערג פון ירושלים, הרב אריה מרדכי גרינוואלד פון בית שמש, הרב שמואל בנימין לעפקאוויטש פון ירושלים:** א איד וואס שטארקט זיך אין בטחון איז זוכה און ער זעט ישועת השם. אויך דו, ווען דו שטארקסט זיך אין בטחון, קענסט באקומען דיינע צרכים אן א הלוואה. עס איז פשוט א נסיון פון השי"ת צי דו זאלסט נעמען א הלוואה צי נישט. שטארק זיך און נעם עס נישט און וועסט זען אז אלע דיינע צרכים וועלן קומען צוגיין צו דיר בדרך כבוד און נישט בדרך הלואה.

### פארלאז זיך נאר אויפ'ן באשעפער

**הרב אהרן שיק פון בני ברק, הרב שמחה בונם שיף פון חיפה, הרב גמליאל הכהן רבינוביץ פון בני ברק, הרב דוד שטיין פון מודיעין עילית:** די חסרון פון א מתנת בשר ודם אדער פון א הלוואה איז אז דער מקבל פארלאזט זיך אויף דער נותן, אבער אויב ער געדענקט בשעת ווען ער באקומט עפעס, אז אלעס איז פון אויבן איז נישט דא דערינען קיין שום חסרון. אין דיין פאל, אויב דו געדענקסט אז השי"ת איז דער געבער קענסטו נעמען פון א צווייטן סיי א נדבה און סיי א הלוואה.

### יעדער איינער לויט זיין דרגה

**הרב אפרים קובצקי פון אשדוד:** ביי יעדן איינעם איז השי"ת מזמין זיינע צרכים לויט זיין התנהגות. עס איז נישט דא קיין כללים. וואס ביי איינעם איז א שאלה אין הלכה איז ביי דער צווייטער א לכתחילה. למשל, יעדער פארשטייט אז א כולל יונגערמאן מעג נעמען א נדבה און דער נעמען די נדבה איז נישט קיין חסרון אין די אמונה. דאגעגן אויב א ביזנעסמאן וועט נעמען א נדבה איז עס א חסרון אין די אמונה, און די זעלבע איז אויך מיט הלוואות. אויב איינעם קומט אויס אז זיין יעצטיגער השתדלות איז מיט'ן נעמען א הלוואה און זיין רב האט אים אזוי גע'פסק'נט, זאל ער נעמען א הלוואה און דער פארבארגער איז א שליח פון הימל, און ווער עס דארף נישט און ער נעמט איז עס מעגליך א שאלה פון א חסרון אין בטחון.

**הרב מני דרחי פון רמת גן, הרב אהרן בייפוס פון רכסים:** עס איז דא אסאך מאל שאלות וואס מען קען נישט פרעגן פאר אנדערע ווייל די תשובה צו די שאלות איז נישט געבינדן צו וויסנשאפט אדער שכל, נאר צו די פנימיות פון דעם מענטש. דיין שאלה איז אויך אזא סארט שאלה. יעדער ענטפער וואס מען וועט געבן נעמט אריין אין זיך די בטחון פון א צווייטן. ווען מען רעדט פון בטחון און אמונה איז דא דרגות וואס זענען נישט סותר איינער דעם אנדערן. צוויי מענטשן מיט די זעלבע דרגה פון בטחון האבן אן אנדערע ענטפער. עס קען זיין אז ביי איינעם איז עס א מצוה צו נעמען א הלוואה און ביי דער צווייטער נישט. לגבי דיין שאלה: דער עצם זאך אז דו לייגסט פאר אזא שאלה איז א צייכן אז דו שפירסט אז דו דארפסט עס יא נעמען. עס איז באקאנט די ווארט פון צדיקים לגבי שמיטה. די תורה פרעגט 'מה נאכל' און די תורה זאגט 'וציותי את ברכתי'. דער ענטפער איז נאר ווייל מען פרעגט. ווען מען וואלט געגלייבט אָן פרעגן וואלט מען נישט געדארפט אנקומען צו אזא זאך, די ברכה וואלט געווען מצוי, און די זעלבע איז לכאורה אויך דא.

**הרב יהודה געווירצמאן פון בית שמש, הרב דוד לייפער פון ירושלים:** אָן וואס מיר זאל אריינגיין אין דער עצם שאלה וואלטן מיר געוואלט באטאנען איין נקודה. עס קען זיין אז פאר אייך אליין קענט איר לעבן בצמצום אבער מען דארף זיין זיכער אז אויך די בני בית וואס קוקן ארויס אויף אייער געלט קענען אזוי לעבן.

**הרב משה יודעלעוויטש פון בני ברק, הרב יהודה קרויזר פון צפת:** מיר וואלטן דיר מציע געווען אז איר זאלט אויסהערן די שיעורים אויף אונזער האטליניע פון הרה"צ רבי בעריש שנעעבאלג שליט"א. איינמאל איר וועט הערן די שיעורים וועט איר מער נישט האבן קיין שאלה איבער נעמען א הלוואה פון א צווייטן.

## א שאלה פאר גליון 103

מען דערציילט אז צוויי אידן זענען אמאל געקומען צו די חזון איש זי"ע זיך דורכצורעדן איבער א שידוך. זיי האבן געהאט א טענה'ריי וועגן געלט. דער חזון איש האט זיי געזאגט אז זייער וויכוח איז נישט וועגן די געלט ווייל די געלט קומט סייווי, די שאלה איז נאר דורך וועמען עס זאל קומען צוגיין די שפע. די מעשה לערנט אונז אויס אז ווען עס קומט צו א שידוך דארף מען זיך נישט זארגן וועגן געלט. מען זעט דאך אבער יא אז אסאך שידוכים ווערן בטל וועגן געלט זאכן. די שאלה איז: צי מיר זענען שייך צו די דרגה אז ווען מען האלט ביים טון א שידוך זאל מען נישט קוקן וועגן געלט? ווי אזוי קענען מיר זיין שייך צו די דרגה אזוי ווייט אז מיר זאלן שפירן און עס אנקוקן מיט אזא בליק, אז יעדער איינער וועט זיך וועלן מתחייב זיין, כדי די שפע זאל קומען דורך אים?

ק.ש.י. רכסים

**איבערצוגעבן שאלות און ענטפערס:**

איבערצולאזן מעסעדזשעס אויף דער האטליין נומער 02-30-11-300 נאכן אויסוועלן א שפראך דרוקט 3 < 5 [דער רעקארדינג באגרעניצט צו 3 מינוט] | אין אימעיל T023011300@gmail.com | אין פקס 02-6599-189

**ענטפערס וועלן אנגענומען ווערן ביז זונטאג פרשת תולדות. און וועלן ווערן אנגענומען נאר מיט א גאנצער נאמען און די שטאט - דער נאמען פון דער פרעגער און שטאט וועט געשריבן ווערן אין ראשי תיבות.**

# א פינטעלע ליכטיגקייט

## אויסצוגן פון שיעורי המשפיעים אין האטליין

### א נקודה פון דער וואונדערליכער שיעור פון הרה"צ ר' בעריש שנעעבאלג שליט"א

## גרייט'ס אן די כלים - עס גייט רינען השפעות

אין די הפטרה פון פרשת וירא לערנען מיר איבער די מעשה פון די אשת עובדיה, ווי אזוי זי האט זיך באקלאגט פאר אלישע אז איר שטוב איז ליידיג און אלישע האט איר געהייסן אז זי זאל בארגן כלים פון די שכנים און אריינגיסן אויל און עס וועט אריינקומען די ברכה.

אלישע האט איר אנגעזאגט אז די כלים מוזן זיין ליידיג. לכאורה איז שווער פארוואס האט ער איר געדארפט מדגיש זיין אז די כלים דארפן זיין ליידיג? עס איז דאך פשוט אזוי? נאר עס קומט אונז דא אויסלערנען א שטארקער כלל.

אז א איד וויל מקבל זיין שפע וואס קומט למעלה מדרך הטבע דארף דער איד זיין א ליידיגער כלי, דהיינו ער זאל זיין אזא איינער וואס פארלאזט זיך נישט אויף זיך אליין, אויף זיינע כוחות, אויף זיין חכמה, ער זאל זיך פארלאזן אויפ'ן באשעפער ווייל נאר אזוי קען מען מקבל זיין די שפע פון הימל.

מיר אידן זענען מאמינים בני מאמינים. מיר ווייסן אלע אז השי"ת וויל אז מיר זאלן טון השתדלות אויף די וועלט אבער דער פארהער וועט זיין ווי אזוי באציען מיר זיך צו די תוצאה פון די השתדלות. אויב די השתדלות איז נישט מצליח, אדער נאך ערגער פון דעם, אז די השתדלות שטערט.

אין אזא פאל ווי אזוי וועלן מיר עס אננעמען? צי וועלן מיר בלייבן רואיג און גלייבן אז אויך דאס איז פון דער רבוש"ע אדער וועלן מיר ווערן טרויעריג? אויב מיר וועלן מקבל זיין די זאך מיט רואיגקייט און ממשיך זיין צו גלייבן אז אלעס קומט פון השי"ת איז א סימן אז אונזער אמונה איז א שטארקע און אן אמת'ע אמונה, אבער אויב מיר וועלן זוכן נקמה אדער עס באדויערן איז א סימן אז מיר פארלאזן זיך אויפ'ן באשעפער, אבער אויך אויף אונזערע כוחות.

אלע צער און עגמת נפש וואס עס איז דא אויף די וועלט נעמט זיך פון דעם. עס נעמט זיך פון דעם אז מיר טראכטן אז מיר האבן עפעס געמאכט, אבער ווען מען ווייסט אז אלעס מאכט השי"ת האבן מיר נישט קיין צער און קיין עגמת נפש.

מיט א שטיק צייט צוריק האב איך מיטגעהאלטן אזא מעשה. א איד האט געקויפט א דירה. ביים קויפן איז זיין דעת געווען אז איינמאל די דירה איז אין זיינע הענט וועט ער קענען פארגרעסערן די דירה. דער פארקויפער האט אים צוגעזאגט אז אלעס איז אין ארדענונג און דער איד האט עס בודק געווען און עס האט געשטימט.

איבריג צו זאגן אז דער פארקויפער האט געהעכערט די פרייז פאר די דירה מיט די טענה אז עס איז מער ווערד, ווייל מען קען פארגרעסערן די דירה. למעשה, ווען דער איד האט אריינגעגעבן אין די שטאטראט די פארלאנג פאר א פערמיט האט זיך ארויסגעשטעלט אז איין שכן שטעלט זיך אקעגן.

די שטאטראט האט איגנארירט דער שכן, אבער דער שכן האט נישט נאכגעלאזט און נאכ'ן איינגעבן די פאפירן האט ער נאכאמאל דערלאנגט זיין קעגנערשאפט און די פערמיטן זענען געווארן איינגעפרוירן.

דער קונה האט געהאט פאר זיך עטליכע ברירות. ער האט געקענט איינמאנען דער מוכר צו א דין תורה, אבער ענדע האט ער באשלאסן אז ער גייט זיך פירן ווי א איד.

נאך איידער ער האט זיך באזעצט אין די דירה האט ער ארויסגעשטעלט די דירה צו פארקויפן. ער האט באקומען דערויף א גוטער פרייז און מיט די געלט האט ער זיך געטראפן א גרעסערע און א שענערע דירה, די נייע דירה איז געווען דאפעלט ווי די יעצטיגע.

אז מען האט בטחון קומט אריין די שפע.

די שיעורים פון הרב שנעעבאלג ווערן ארויפגעלייגט א מאל אין צוויי וואכן אויף אידיש און א מאל אין צוויי וואכן אויף העברעאיש אין נומער 2 < 3 [נאכן אויסוועלן די שפראך]

# א פרטיות'דיגע השפעה

**מצד די באקומער**

דער זייגער ווייזט יעצט פיר אזייגער פארטאגס. מיינע שוועריגקייטן לאזן מיר נישט איינשלאפן. זוכנדיג פאר א דערלייכטערונג האב איך זיך פארבינדן צו השגחה פרטית. איך האב אויסגעהערט דיווארעמע און פייערדיגע ווערטער פון די 'חיזוק היומי' פון הרב שאפער אין די נושא פון 'מי כעמך ישראל'. עס האט מיר אזוי באנומען, איך בין געווארן אזוי באריגט. איך האב נישט קיין ווערטער עס אראפצוגעבן.

**מצד די געבער**

מיט א חודש צוריק האב איך תורם געווען א סכום געלט אז מען זאל קענען אויסטיילן די גליון פון אמונה מיט בטחון אין די שולן פון כפר מרדכי. איך האב זיך גענויטיגט אין א ישועה, איך האב געזוכט ארבעט. איך האב דערביי צוגעזאגט אז ווען די ישועה וועט קומען צוגיין וועל איך צולייגן א סומע געלט אז מען זאל קענען טיילן דער גליון אין נאך שולן. ברוך השם אז איך בין געהאלפן געווארן און געטראפן א גוטער ארבעט, יעצט וויל איך אויספירן מיין צוזאג.


נעם דו אויך א חלק אין די באוועגונג אויסצושפרייטן אמונה איבער די וועלט

און זיי זוכה צו די הייליגע הבטחה פון זוה"ק

צו האבן קינדער און קינדס קינדער יראים ושלמים

רוף יעצט אריין: 02.6313.742

| בעמדות נדרים | משלוח בדואר | העברה לבנק |
|---|---|---|
| פלוס על שם | לת.ד. 5475 | לאומי סניף 902 |
| 'שער הבטחון' | ירושלים | חשבון 57390056 |



ווילט איר אנטייל נעמען אויסצושפרייטן די גליון אין אייער געגנט

קלינגט אריין אין אפיס

02-5866-075

מענטשליכער ענטפער צווישן די שעות 12:00 און 14:00

אויב איז נישטא קיין ענטפער לאזט איבער א מעסעדזש אין אלע שעות פון טאג און מיר וועלן אייך צוריקרופן בס"ד

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל, שרייבט צו: B023011300@GMAIL.COM

דער פארשרייבונג אין דעם אימעיל איז פאר דער גליון אויף אידיש, העברעאיש און ענגליש


דער ציל פון דעם גליון איז מקרב צו זיין אידן לעבודת השם. חלילה אז ער זאל שטערן א איד דאווענען אדער אויסהערן קריאת התורה